# מתוך דברות קודש

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### אצל שיעור פרקי אבות שב"ק פרשת אמור שנת תשע"א לפ"ק - בביהמ"ד הגדול בקרית יואל

**די** משנה זאגט (אבות פ"ב מ"א) דע מה למעלה ממך עין רואה ואוזן שומעת, קען זיין די גמרא זאגט (סנהדרין פז.) ארץ ישראל גבוה מכל הארצות, עס מיינט נישט גבוה בגשמיות, אז מען וועט קוקען די מאפע וועט מען זעהן עס איז לאו דוקא, נאר דער פשט איז ארץ ישראל גבוה מכל הארצות ברוחניות, די קדושה פון ארץ ישראל איז גבוה מכל הארצות, עס איז נישט דומה די תורה און די מצות און די תפלה אין ארץ ישראל ווי אין חוץ לארץ, עס איז פיל העכער, אבער פון די אנדערע זייט א פגם עבירה אין ארץ ישראל, אין פלטין של מלך, יעדע תנועה קלה במחשבה דיבור ומעשה חלילה, איז אסאך הארבער ווי ערגעץ אנדערש.

**אונז** שטיי מיר אין חודש אייר, פאר די הייליגע הילולא פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי, ס'איז דא אידן וואס פארן קיין מירון ווייל זיי האבן אן השתוקקות, מען פילט אן הרגשה, צו זיי האבן א בקשה און זיי פארן אויס'פועל'ן א ישועה, אנדערע פארן כדי אפצוגעבן א שבח והודאה, זיי שפירן א חוב אפצוגעבן א דאנק וואס זיי זענען געהאלפן געווארן בזכות רבי שמעון, אין פריידן צו אין ליידן פארט מען צו רבי שמעון, נו, אז א איד איז משתוקק, ווער עס איז שוין דארט געווען ווייסט די געוואלדיגע התעוררות וואס דארט איז דא, ס'איז א געוואלדיגע עת רצון, די געוואלדיגע שמחה של מצוה באתרא דמר פונעם הייליגן תנא אין מירון, און אז מען פארט אהין זיך מדבק צו זיין באור קדושתו ביי זיין הילולא, אויף אזא אופן, כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו, רבי שמעון איז זייער גרויס, ער האט ברייטע פלייצעס.

**אבער** אז מען פארט אויף א לוסט רייזע און מען נוצט רבי שמעון פאר א דעקל, לאז ארויס רבי שמעון!, באנוץ זיך נישט מיט רבי שמעון!, מען דארף צו וויסן אז ארץ ישראל איז פלטין של מלך, די תפלות זענען אסאך העכער, די תורה איז העכער, די מצות זענען העכער, און לעומת זה א פגם עבירה, אפילו א עבירה קלה, איז אויך אסאך הארבער, ווייל דאס איז בפלטין של מלך. רבי שמעון האט טאקע ברייטע פלייצעס, אבער דאס איז אויב מען פארט נאר צו רבי שמעון, אבער אויב פארט מען פאר שוואויל טאג, דעמאלטס נישט. רבי שמעון ווייסט ווער עס קומט צו אים דייקא!.

**דאס** זאגט די משנה דע מה למעלה ממך, דאס מיינט ארץ ישראל גבוה מכל הארצות, פלטין של מלך, לויט דעם עין רואה ואוזן שומעת, ווייל יעדע מעשה אין ארץ ישראל איז מען דן אנדערש, יעדע מעשה איז אסאך העכער אין ארץ ישראל ווי אין חוץ לארץ, א מצוה און להיפוך חס ושלום.

מען האט יעצט אנגעהויבן צו לערנען פרק מקום שנהגו, און מיר האבן געהאט די גמרא (פסחים נא:) כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בפניו ושלא בפניו, רבי שמעון איז כדאי לסמוך עליו בפניו, סיי די וואס פארן באתרא קדישא אין מירון צו זיין בפניו, און אויך שלא בפניו, די אלע אידן וואס זענען שלא בפניו און געפונען זיך דאהי, די אלע אידן וואס לערנען א מימרא פון רבי שמעון און זענען זיך מקשר מיט רבי שמעון, כדאי הוא לסמוך עליו, אויסצו'פועל'ן א ישועה, און צו געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב.

# מתוך דברות קודש

### במסיבה לטובת מוסדות יטב לב באה"ק - יום א' פרשת במדבר שנת תשס"ז לפ"ק בוויליאמסבורג

**אז** מ'רעדט פון פארן קיין ארץ ישראל, דארף מען אביסל אויסשמועסן מיט אנשי שלומינו.

**מיט** א וואך צוריק איז געווען ל"ג בעומר. ס'זענען געפארן פון אמעריקע אסאך אידן קיין ארץ ישראל, אסאך אידן פארן יעדעס יאר. נו, לכבוד ר' שמעון איז ווערד די טירחא. ס'פארן אידן, חסידים ואנשי מעשה, אזא געהויבענער טאג ל"ג בעומר, צו זיין ביומא דהילולא באתרא קדישא אין מירון.

**איך** בין שוין אויך געווען אין מירון, נישט איין מאל. ס'איז זייער א געהויבענער געפיל, ס'איז זייער הייליגע געפילן, באמת רגשי קודש. מ'קען פארשטיין **ווען איינער פארט קיין מירון ווייל ער וויל זיין ל"ג בעומר ביי רבי שמעון; ער וויל זיך אויסגיסן דאס הארץ, ער פארט מתפלל זיין, ער דארף א ישועה, ער דארף הצלחה. רבי שמעון איז אלעס ווערד. ס'איז כדאי די שפעזן. אז מ'פארט צו ר' שמעון, און מ'פארט מיט ערליכע געפילן, מיט הייליגע געפילן, און מ'איז דארט אין מירון און נאך אזעלכע הייליגע מקומות ווי דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, איז די שפעזן אויסגעצאלט**, און מ'קומט אהיים מיט גרויסע רווחים. דאס קען מען פארשטיין.

**ליידער** איז עס אבער נישט אזוי אינגאנצן. ס'איז דא אסאך - איך וויל נישט זאגן קיין סאך - ס'איז דא א מיעוט, וואס פארן קיין ארץ ישראל, זיי פארן אויף א טור קיין ארץ ישראל, און אינעם טור איז אריינגענומען אין חשבון אז איין טאג וועט מען פארברענגען אין מירון א ל"ג בעומר, מיטצוהאלטן די חגיגה אין מירון.

**ס'איז** א חיצונית'דיגע געפארעכטס. מ'פארט ארום אין ארץ ישראל פאר תענוג, פאר טוריזם. ותמלא הארץ אותם, מ'פארט איבעראל, וואו ס'לאזט זיך. מ'עסט מכל הבא ליד, איבעראל זעהט מען נאר לשה"ק'דיגע אותיות; מ'עסט דא, מ'עסט דארט. דאס פריצות אין ארץ ישראל איז מורא'דיג. אין ארץ ישראל איז שוין שטארק הייס, ממילא ברענגט דאך דאס ארויס דעם גאנצן יצר הרע ר"ל.

**די** פגם עבירה אין ארצינו הקדושה איז א סאך הארבער, אן עבירה אין פלטרין של מלך איז א סאך הארבער. ס'איז גענוג ווען מ'פארט ארום אין אמעריקע, צי אין אנדערע פלעצער אין חוץ לארץ. ס'איז נישט איידל און ס'איז נישט שיין און ס'איז נישט ערליך, און ס'איז שעדליך. אבער דאס זעלבע זאך אז מ'טוט אין ארץ ישראל, איז דאס פי כמה וכמה. דארף מען וויסן, דאס איז ארץ הקודש. דאס וואס מ'האט געהערט און וואס מ'האט געלערנט, דאס איז נישט געזאגט געווארן בלויז פאר יענעם, דאס איז דאך געזאגט געווארן פאר זיך אליינס אויך.

**מ'פארט** ארום ווי א טוריסט, מען גייט אויף אלע פלעצער וואס ס'לאזט זיך, און ס'איז א חרפה און א בושה צו זאגן. איך רעד שוין נישט וואס מ'גייט אויף מאדערנע נישט אזעלכע איידעלע מקומות, וואס איז אויסגעשטעלט פאר טוריסטן. נאר **מ'גייט צו מערת המכפילה און צו קבר רחל, וואס איז טאקע באמת א מקום קדוש, אבער ס'איז דאך א סכנה נוראה אהינצופארן, היינטיגע צייטן ווער ס'ווייסט. אבער אז מ'איז א טוריסט, מוז מען דאך איבעראל אנקומען, ליידער אויך צום כותל המערבי.**

**הגם** דער כותל המערבי איז הייליג, אבער ס'איז א חרפה און א בושה איינער וואס איז נתחנך געווארן אין א סאטמארער מוסד זאל פארן קיין ארץ ישראל און ער זאל אהינגיין! אים מיינט דאס נישט? **ווען דער פעטער ז"ל האט געשריבן דעם "על הגאולה ועל התמורה", פאר וועמען האט מען דאס געשריבן? וועמען איז דאס מחייב?**

**מ'הערט** פון אידן וואס זענען געווען אין ארץ ישראל, זיי זענען אהיימגעקומען און זיי האבן מיר עס איבערגעגעבן מיט ווייטאג. זיי האבן זיך פאר זיך אליינס געשעמט.

**איך** וויל נאכזאגן די דברות קודש פון פעטער זכרונו לברכה, בנוגע גיין צום כותל און אנדערע מקומות הקדושים, וואס איז געדרוקט אין "על הגאולה ועל התמורה". זאגט ער דארט: "**יותר טוב להתפלל בביהמ"ד**", ס'איז ענדערש און בעסער מ'זאל דאווענען אין ביהמ"ד, "**ומכוון דעתו למקום המקדש**", וואס אויב מ'איז מכוון, - האט ער דארט א גרויסן בירור, אז וואו די כוונה פון א מענטש איז, דארט געפינט מען זיך - ממילא איז עס כאילו עומד שם, אזוי ווי ער שטייט במקום המקדש; **ווי איידער צו זיין סמוך ביים מקום המקדש, דארט וואו ס'איז דא א חשש פון מחשבת מינות, צו פריצות, און חיזוק לרשעים.** אזוי שרייבט ער.

**איך** וויל זאגן דא, אונז האבן אויך געהאט א יומא דהילולא לכבוד ר' שמעון בן יוחאי. הגם אונז ווילן דאס נישט מדמה זיין צו אתרא קדישא מירון; **אבער ס'איז ענדערש צו זיין דא צווישן אנשי שלומינו אין ביהמ"ד, און זיך משמח זיין מיט די הילולא פון ר' שמעון בר יוחאי, און מכוון זיין דעתינו צו אתרא קדישא מירון, כאילו אונז זעמיר אויך דארט - און כדאי הוא ר' שמעון לסמוך עליו, בין בפניו ובין שלא בפניו, סיי אז מ'איז דארט און סיי אז מ'איז נישט דארט בפועל, נאר מיט'ן מחשבה איז מען דארט; ווי איידער** - איך רעד פון די וואס פארן אהין לשם טוריזם, מיט די בילדער-מאכער, מיט אלע פיטשעווקעס, און משוטט זיין - **ארומפארן אין ארץ ישראל און נכשל ווערן מיט הרהורי עבירה פון מינות וכפירה, מיט הרהורים אסורים, און גיין דא און דארט וואו מ'דארף נישט, אזעלכע מקומות וואס ס'פאסט נישט פאר א חסיד'ישן איד בכלל און פאר א סאטמארער חסיד בפרט. ס'איז ענדערש צו זיצן אינדערהיים.**

**ס'איז** מיר א ווייטאג ארויסצוברענגען, אבער ס'מוז ארויסגעברענגט ווערן און ס'מוז ארויסגעזאגט ווערן, ס'איז שוין יעצט נאך ל"ג בעומר, אבער קומענדיגן יאר וועט ווייטער זיין ל"ג בעומר, און ס'וועט ווייטער זיין א רצון צו פארן. **איז ווער עס פארט בדחילו ורחימו, מיט ערליכע כוונות - מ'גייט נישט אין ערגעץ, מ'פארט נישט אין ערגעץ ארום; ס'אינטערעסירט מיך נישט, איך קום צו די הילולא פון ר' שמעון בן יוחאי, און איך וויל זיין ראוי צו זיין ביי די הילולא פון ר' שמעון בן יוחאי, - נאר אזוי איז ווערד די שפעזן.** און נאר אזוי, אז מ'פארט ערליך און ריין ווי א חסיד'ישער איד, מ'פירט זיך אויף דארט ווי אן ערליכער חסיד'ישער איד, האט מען די זכיה באמת זיך משמח צו זיין מיט א שמחה עילאה ביומא דהילולא פון ר' שמעון בן יוחאי. און דעמאלטס, און נאר דעמאלטס, איז צו האפן אז ר' שמעון איז א מליץ טוב פאר אים, און ער קומט אהיים מיט א סל מלא ברכות וישועות.

**דאס** איז וואס מען האט דא געפילט אז מען מוז ארויסברענגען, אפילו ס'איז נישט געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם; אבער פאר א מיעוטא דמיעוטא איז עס געזאגט געווארן. **איז פאר די וועמען דער פסוק מיינט, וואס ער וועט פארשטיין אז אים מיינט מען, וויל מען אים זאגן: יא, דיך מיינט מען!**